בחצרות
סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום א' | חיי שרה | ט"ז חשון | תשע"ב | פסחים: ק"י.

# באריכט:

דעם פארגאנגענעם ליל שב"ק איז דער רבי שליט"א אריינגעקומען צום שלחן הטהור ארום 8:10 אינאיינעם מיט די תלמידי הישיבה. מיט כל מקדש האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הרה"ג ר' חיים אלעזר ווייס שליט"א מ'חומעלניק, מיט מנוחה ושמחה האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מוה"ר גרשון כ"ף הי"ו פון בני ברק.

די תוכן דברות קודש פון די תורה וועט אי"ה נאכפאלגן.

מיט קה אכסוף האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מוה"ר אברהם שמואל פליגמאן הי"ו פון ירושלים עיה"ק, מיט ברכהמ"ז האט דער רבי שליט"א מכבד געווען נכדו הר"ר יואל גלאנץ שליט"א, מיט קה רבון עלם האט דער רבי שליט"א מכבד געווען נכדו הר"ר חיים הערש טייטלבוים שליט"א בן הגה"צ ר' ברוך שליט"א חדב"ן ורב ביהמ"ד ויואל משה – ברך משה בק"י.

עובדות וסיפורים האט דער רבי שליט"א דערציילט פון הגה"ק ר' שלום מ'קאמינקא זי"ע וועמענס יארצייט עס געפאלט די וואך, מיט אז ביום השביעי האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מוה"ר יחזקאל לאנדא הי"ו פון לאנדאן.

די תוכן דברות קודש פון סעודת רעווא דרעווין וועט אי"ה נאכפאלגן.

## שמחת ווארט-תנאים פון נכדת מרן רבינו שליט"א

נעכטן נאכט – מוצש"ק איז פאהרגעקומען דער שמחת הווארט וקריאת התנאים פון הכלה נכדת מרן רבינו שליט"א בת חדב"ן הגה"צ ר' העניך שליט"א רב דביהמ"ד אבני צדק בשכונת עצי התמרים אין קרית יואל, מיט החתן המופלג בן הגה"צ ר' אברהם האלבערשטאם שליט"א רב דק' מנחת חינוך וראה"כ טארטיקוב אין בארא פארק, אין ביהמ"ד אבני צדק אין קרית יואל.

נאך ווי דער רבי שליט"א און די חתן און מחותנים שליט"א זענען ערשינען צום מעמד האט מען געשריבן דעם תנאים, ווי אלס עדות זענען מכובד געווארן מוה"ר דוד שמואל גאלדבערגער הי"ו און מוה"ר משה הערש ראזענפעלד הי"ו, און אלס ערבים קבלנים מצד הכלה זענען מכובד געווארן הרבני הנגיד

מוה"ר יצחק מארקאוויטש הי"ו און הרבני הנגיד מוה"ר אברהם ווידער הי"ו ראש הקהל וראש העיר ד'קרית יואל, און אלס ערבים קבלנים מצד החתן זענען מכובד געווארן הרבני הנגיד הר"ר חיים יושע העשיל באבאד שליט"א און הרבני הנגיד מוה"ר משה אליעזר ניימאן הי"ו.

נאך ווי דער רבי שליט"א האט געליינט דעם תנאים האט דער רבי געוואונטשן לחיים פאר'ן חתן און מחותנים שליט"א ולכל הקהל הקודש, דאן האט דער חתן געזאגט דער פשט'ל אין וועלכען מען האט אריינגעזינגען כנהוג, און דערנאך האבן די מחותנים שליט"א אויפגעטרעטן מיט דרשות לכבוד די שמחה.

דאן האט מרן רבינו שליט"א משמיע געווען דברות קודש לכבוד די שמחה און נאך די דברות קודש האט מען זיך ארויסגעלאזט אין פייערליכע ריקודין לכבוד המאורע, דערנאך האט דער ציבור געהאט א געלעגנהייט אדורכצוגיין אפגעבן מזל טוב פאר'ן רבי'ן שליט"א און מחותנים שליט"א.

**-ומשמחה זו ישפע לנו שפע רב-**

היינט אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה – שיעור ב' ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הבחורים חתני הבר מצוה, הב' בן מוה"ר משה סופר הי"ו פון וויליאמסבורג און הב' בן מוה"ר אלימלך בראך הי"ו פון וויליאמסבורג.

## בקודש פנימה

היינט אין אווענט איז דער רבי שליט"א געפאהרן אויף מאנסי ווי דער רבי שליט"א האט אפגעשטאהט א באזוך ביי מחותנו הרה"ג ר' משה ראזנער שליט"א רב דק"ק פאפא מאנסי שליט"א לרגל א שמחה במעונו.

אויפדערנאכט איז האדמו"ר מ'קרעטשניף שליט"א פון ירושלים געקומען צום רבי'ן שליט"א אויף א באזוך בביתו נאוה קודש אין קרית יואל.

נעכטן – מוצש"ק איז אין היכל הישיבה גדולה – סניף ברך משה פאהרגעקומען א שיינער מלוה מלכה ווי עס האט באשיינט הגה"צ אבד"ק דקהלתינו וויליאמסבורג שליט"א ווי דער רב שליט"א האט משמיע געווען דברי תורה און דברי התחזקות פאר די תלמידי הישיבה.

היינט אינדערפרי האט דער רב שליט"א געדאווענט שחרית אין היכל הישיבה גדולה – סניף ברך משה.

**דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער,**
**און וויאזוי אויך ארופצוגיין אויף אונזער רשימה איז:**
**BechatsrosSatmar@Gmail.com**

**ארופצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין**
**מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען**
**פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.**